STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04264

LIDER

R. Zychlinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ ע ן ־ ב י כ ע ר

רייזל זשיכלינסקי

לידער

מיט א פאָרוואָרט
פון איציק מאנגער

ווארשע
1936

ביבליאָטעק פון יידישן פ. ע. נ. ־ קלוב

Printed in Poland

P E N - B I C H E R

RAJZEL ŻYCHLIŃSKA

L I D E R

Wydawnictwo

Biblioteka Żyd. P. E. N.-Klubu

Warszawa 1936

Druk. Nomberga, Warszawa, Leszno 19.

פאָרוואָרט

נאָך מרים אולינאָווערס קלאַסישן לידער־בוך „דער באָבעס אוצר״, זענען די לידער פון רייזל זשיכלינסקי אַ נייע אמת׳ע אַנטפּלעקונג פון פּרוואיש־פּאָעטישן געמיט אין יידישן קרוין־פּוילן.

אַן „עפּיס אַנדערש״, וואָס שפּרינגט אַרויס און אַריבער פון דער סקאַרבאָווער לידער־שרייבעריי.

שוין דאָס ערשטע ליד, וואָס רייזל זשיכלינסקי האָט פאַר־עפנטליכט, האָט געמאַכט אויפהאָרכן. ס׳האָט אַ ווייע גע־כאָן מיטן ריח פון פלוימענבליטן און מיטן פליגלפלאַטער פון פייגל איבער האַרבסטיקע לאַנדשאַפטן. מיט יענע צאַרטע, לירישע אָנדייטונגען, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פאַר די יאַפּאַנישע אוטאַס.

פאַרנאַכט וואָלט יעדער בלאַט
געוואָלט אַ פויגל זיין —
גיי איך אַרום מיט אַ קרוג אין דער האַנט
און קלויב זייערע טרערן אַריין.

דעם דרויסנדיקן פּאָעטישן רעקוויזיט, וואָס רייזל זשיכ־לינסקי באַנוצט, וואָלט מען געקענט אויפציילן אויף די פינגער.

די מאַמע, די קאַץ, די ווערבע, דער וואָלקן, די טאָפּאָליע, דער בעטלער, דאָס קינד און דער ברונים.

אָבער נישט אין דעם דרויסנדיקן פּאָעטישן רעקוויזיט גייט עס, נאָר אין דער ניואַנסירונג.

אין דעם אַלע מאָל באַלויכטן דעם אָביעקט מיט אַן אַנדער ליכט. אַרויסבאַקומען אַן אַנדער שטימונג.

קורץ, אין דעם כח פון וואַריאירן דעם מאַטעריאַל אין דער אומענדליכקייט אַריין. אין דעם איבערחזרן אורמאָ־טיוון אויף אַלץ אַ נייעם און נייערן שטייגער.

מאַמע —
דו האָסט פייער געמאַכט
האָסט פון דאַרע שטיקלעך האָלץ

צעבלאָזן אַ זון.

— — — — — — — — —

דו הערסט ווי מיינע האָר שויבערן:
אַ דאַנק, אַ דאַנק.
נאָר אין דרויסן וויינט דער ווינט —
נעם אים, מאַמע, אין דיין שירעם אַריין
און וויג אים איין.
דער ווינט ער וועט דיר גלויבן
און ווי אַ שעפּסל
צומאַכן די אויגן.

די מאַמע און דאָס קינד, די צענטראַל־פיגורן פון רייזל זשיכלינסקיס עכט פּרוויאישער ליריק.

אינדרויסן איז פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער. פייגל און וואָלקנס וואַנדערן. אָט דאָ, אָט דאָרט, אָט ערגעץ אַנדערשוו. דורך אָפענע אָדער פאַרמאַכטע פענסטער קוקט זיי נאָך די בענקשאַפט און איז מקנא די וואַגאַבונדן, די אוואַנטורע אין דער ווייטקייט אַריין.

אָבער:
די מאַמע איז דאָ. זי דרייט זיך אַרום צווישן די פיר ווענט פון דער היים. שפּרעכט אָפּ דעם פּחד מיט אַ שפּרוך, לעשט אָפּ קוילן, בשעת מען איז קראַנק און באַשיצט פאַר קעלט דורך דעם, וואָס זי צינדט אָן פון דאַרע שטיקלעך האָלץ אַ זון.

צו אַ שטייגערונג פון דער מאַמע־וויזיע — ניין, פון מאַמעשאַפט בכלל — דערגרייכט רייזל זשיכלינסקי אין דעם שיינעם ליד „אַ קינד איז קראַנק".
אַ קינד איז קראַנק און נישט נאָר די בלומען פילן זיך שולדיק. און נישט נאָר די קוואָקע האָט אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגל די פּופּצן גלעע הינדעלעך „און פרי געמאַכט נאַכט".

נאָר אפילו זי, די אַלטע טאָפּאָליע, נעמט אַרום מאַמיש־באַשיצנדיק דעם שטרויענעם דאַך און קוקט זיך אויס די אויגן אויפן וועג, צי באַווייזט זיך חלילה נישט דער בעטלער, וואָס האָט פאַרטאָג דאָ „דורכגעשניטן די נעפּלען מיט בלויע אויגן".

אט יענער אויסטערלישער בעטלער — וועלכן מיר האבן באגעגנט אין אנדערסענס שיינע מעשהלעך און אין אלטע יידישע פאלקס־באלאדעס — וואס איז בכח צו פארוואנדלען די מאמעשאפש טיף אין שווער, אזוי, אז זי זאל זיך אויס־וויינען די אויגן ביז צום בלינד ווערן. צווישן וואלקנס, וואנדער און ווינט קלויבט אויס רייזל זשיכלינסקי דער מאמעס היים.

איר דיכטונג פארמאגט נישט קיין אמאזאנישע זשעסטן. דער מאמעס פשוטע שטוב אין גאמבין איז איר פארנאס. יעדע מינדסטע זאך, וואס געפינט זיך אין דער מאמעס היים איז ראוי צו ווערן ליד. די ציבעלע־בלעטער און דער קאטער מיט די גרינע אויגן. דער נאפט־לאמפ און דאס בענקל, וואס חלומט אויף דריי פיס. און ווער שמועסט נאך, אז גאט העלפט די קאץ וואשט זיך און ס׳קומען צו גאסט דריי אלטע באבעס און דער מאמעס הענט ווערן גרעסער און גרעסער בלעטענדיק דאס האנטוך. מעג די זון טוויזנט מאל אנצינדן די שיך, דעם רוף צו וואנדערן, די דיכטערין וועט נישט אוועק גיין. זי איז און בלייבט די געפאנגענע פון דער היים־אידיליע.

רייזל זשיכלינסקיס לידער־בוך איז אזוי ארום דאס אומ־מיטלבארסטע מיידלישע געזאנג אין אונדזער נייער דיכטונג.

די בילדערישקייט אין רייזל זשיכלינסקיס ליד איז פון דרויסן געזען א ליכט אנגעצייכנטע, מיט א זילבערשטיפט סקיצירטע.

דאס דרויסנדיק־כאאטישע ווערט אבער צוזאמענגעהאלטן און קאארדינירט פון דער אינעווייניקסטער שטימונג, וואס באפליגלט דאס ליד. (פארגלייך דאס ליד „הארבסט”).

אוודאי לויערן אויף רייזל זשיכלינסקיס דיכטונג געפארן, קודם כל די געפאר פון מאניריטקייט. אבער די געטער, וואס האבן ליב דאס שיינע און עכטע, וועלן זיכער זיי באשיצן — איך מיין די דיכטערין און איר ליד.

איציק מאנגער.

אויף טרעפּ

כ׳בין געגאַנגען אויף טרעפּ,
כ׳בין געגאַנגען אַרויף.
ערגעץ מוז דאָך זיין אַ פענסטער,
וווּ מען קען אויסשטרעקן די הענט
צום גרויען ליכט.
אויף עפּעס אַ שטאָק האָב איך באַגעגנט
אַ פרוי,
אַ לאָמע.
זי האָט זיך געשאַרט אַראָפּ,
אַראָפּ.
אַ ווײַלע האָב איך זיך אײַנגעהערט אין פוסטן קאָרידאָר
צו אירע טריט —
דערנאָך בין איך אַ פּאָר׳משפּט׳ע
איר נאָכגעגאַנגען.

אויף אַ וואָלקן

אויף אַ וואָלקן שווימט דיין קאָפּ
אַוועק
גערעמט אין צער.
איך צי זיך אויס אויף דער ברייט פון די וועגן,
און די ווינטן יאָגן איבער מיר.
ווינטן, ווינטן,
וואַרט אַ ווײַלע!
די אַלטע ווערבע האָט זיך איינגעבויגן
איבערן טייך.
גאָט! פאַר וועמענס זינד
איז איר שאָטן אַזוי
איינגעהויקערט?

האַרבסט

די שויבן זענען פאַרלאָפן
פון פרייד, אָדער פון טרויער ?
אין פרימאָרגנדיקע נעפּלען פאָרן זיך הינט,
שוואַרצע מיט ווייסע,
ווייסע מיט שוואַרצע.
אָרעם זענען די בעכערס פון די לעצטע בלומען
אין מיין גאָרטן.
נאָר ס׳קומען בינען מיט גאָלדענע רוקנס
און שטופּן זיך,
שטופּן.
וואָס וויל דער קאָטער מיט די גרינע אויגן ?
ווען ער סוד היט ער אָפּ
ביי אונזער טיר ?
מיר קוקן זיך אָןביידע
טיף און לאַנג.
וואָלקנס איבער ברונימער,
וואָלקנס.

און פאַרנאַכט —
שטייט אַ וואָגן,
שטייט אַ פערד
איינגעשפּאַנט.
איינגעטונקט אין זון זענען דעם פערדס פּאָדערשטע פיס,
אַ האַלבער בויך
און דאָס אונטערשטע ראָד פון וואָגן.
אין ליידיקן געסל טו איך אויס מיינע שיך
און נעם די לייצעס אין די הענט אַריין.

דאָס אַלטע ליד

די קאַץ וואַשט זיך,
ס׳וועלן קומען געסט —
זאָגט די מאַמע
און זי גלעט דאָס האַנטוך,
וואָס זי פּרעסט.
און איך גלעט די זון,
וואָס ציט זיך אויפן טיש,
און איך צי די הענט אויס
צו די געסט.
געקומען זענען דריי באָבעס
אין טיפע קופּקעס אויף די קעפּ,
טיפע פאַלדן אין די קליידער.
מיר זעצן זיך אויף דר׳ערד.
די ברייטע ציבעלע זיצט אין בלומען־טאָפּ
און שמעקט.
אירע בלעטער זענען גוט צו אַ געשוויר —
זאָגט איין באָבע
און זי הויבט פון שטויב אַרויס אַ פינגער.
און איין באָבע האַלט אין שויס די קאַץ,
און איין באָבע
דרימלט.
די זון פאַרגייט.
די מאַמע גלעט נאָך אַלץ דאָס האַנטוך,
וואָס זי פּרעסט.
זי קוקט אין פענסטער און וואַרט
אויף געסט.
אירע הענט ווערן גרויס,
פאַרנעמען שוין דעם גאַנצן טיש.
די זון האָט אָנגעצונדן מיינע שיך.

איך הויב זיך אויף.
איך גיי דער אַלטער שאַנק אַנטקעגן:
די אַלטע שאנק קומט צו הינקען
מיט אַזויפֿיל לעכער פֿון האָלצווערים
און פֿון רעגן.

מאַמע

מאַמע,
דו האָסט פֿייער געמאַכט.
האָסט פֿון דאַרע שטיקלעך האָלץ
צעבלאָזן אַ זון.
דו הערסט, ווי מײַנע האָר שויבערן?
אַ דאַנק, אַ דאַנק.
נאָר אין דרויסן וויינט נאָך אַלץ דער ווינט.
נעם אים, מאַמע, אין דײַן שירץ אַרײַן
און וויג אים איַין...
דער ווינט, ער וועט דיר גלויבן
און ווי אַ שעפּסל
צומאַכן די אויגן.

אַ קינד איז קראַנק

אַ קינד איז קראַנק.
בויגן בלומען די קעפּ אַראָפּ
שולדיק.
די טאַפּאָליע האָט אַרומגענומען מיט די הענט
דעם שמרויענעם דאַך
און קוקט זיך אויס די אַלטע אויגן
אויפן וועג.
ס׳איז פאַרטאָג דאָ אַדורכגעגאַנגען אַ בעטלער
און דורכגעשניטן די נעפּלען מיט בלויע אויגן.
און אפשר וואַרט זי אויפן ערשטן שטערן?
די קוואָקע האָט אַרונטערגענומען אונטער די פליגלען
די פּופּצן געלע הינדעלעך
און פרי געמאַכט נאַכט.
די קאַץ ליגט איינגענורעט אין אַ קנויל אין ווינקל
און מרוטשעט, מרוטשעט,
און דאָס בענקל אויף דריי פיס
האָרכט און חלומט.

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט וואָלט יעדער בלאַט
בעוואָלט אַ פויגל זיין.
גיי איך אַרום מיט אַ קרוג אין דער האַנט
און קלויב זייערע טרערן אַריין.
אויפן טייך האָבן שאָטנס פון ביימער זיך אַרומגענומען שווין
און שטיל צונויפגעלייגט די קעפּ.
באַלד וועלן הינט זיך צעבילן
און אויפשניידן דאָס שווייגן
מיט לאַנגע מעסער ביז צום הימל.
באַלד וועלן הינט זיך צעבילן —
ציטערט דער קרוג אין מיין האַנט.

מאַך אויף די טיר

מאַך אויף די טיר!
כ׳האָב מורא.
צעעפן דאָס העמד אויף דיין ברוסט
און באַהאַלט מיין פּנים.
זע
אפילו די לבנה רייסט זיך פון איר זילבערנער קייט
און וויל אַנטלויפן פון די וואָלקנס.
מאַך אויף די טיר!

די לעצטע שטיקער זון

א גרויער זאַק, אַ פולער
אויף אַ פרויען=פליצע —
הוידעט זיך דער פאַרנאַכט,
הוידעט זיך דורך וואַלד.
דאָס רויטע טיכל אויפן טיף געבויגענעם פרויען=קאָ=
ברענט, ברענט.
און ווייסע, באָרוועסע פרויען=פיס
טראָגן אין דער נאַכט אַוועק
די לעצטע שטיקער זון.

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן שטייט אַ יינגל נעבן טייך.
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
וואַרט אַ וואָלקן אויפֿן יינגל.
טו איך אויס דאָס נייע קלייד מיינס,
לאָז עס שווימען אויפֿן טייך,
נעם דאָס יינגל ביי דער האַנט אָן
און דעם וואָלקן פֿאַר דער צווייטער.
און די ווערבע, און די ווערבע
לאָזן מיר אַליין ביים וועג.

יאַנואַר

זעקס הינט האָבן זיך געטראָפן
ביי איר טיר
און זיך צעוויינט:
זי וועט אַרויסקומען אָדער נישט?
דער ווייסער הונט
מיטן געלן פלעק אויפן רוקן
האָט זיך געזעצט אויף די הינטערשטע פיס
און ציטערט.
זיין דאַרער שאָטן ליגט אַ בלויער
נעבן אים אויפן שניי.
דער שוואַרצער הונט האָט געפונען אַ ביין,
נאָר זיינע אויערן פלאַטערן אין ווינט.
דער ברוינער הונט רירט זיך נישט
פון דער טיר.
דער פערטער, דער פינפטער, דער זעקסטער,
האַלז נעבן האַלז.
די נאַכט איז העל,
די קאָרע אויף די ווערבעס
פלאַצט.
אַלע שטערן זענען אויפן אָרט.
דורכן פאַרפרוירענעם טייך
גלאַנצן די גרינע אויגן פון דער דערטרונקענער:

— — — — — — — — — — — —

זי וועט אַרויסקומען
אָדער נישט?

זי

זי האָט גערעדט לאַנג.
זי האָט געשפּריצט מיטן מויל.
איר לאַנגער, דאַרער האַלז
איז געוואָרן נאָך דאַרער.
אירע געלע האָר
זענען געווען געל.
אַז זי איז אַוועק
און אויפגעהויבן אַ קרומען פוס,
איז געלעגן אַ צעטרעטענער וואָרם
אויף דר׳ערד.
זיין קעפּל איז געווען פּלאַטשיק,
אויסגערונען דער מאַרך.
„אַזוי האָט עס געמוזט זיין".
האָט אַ וואָלקן זיך אָפּגעשטעלט.
אַ טרער.
איך האָב טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

די אַכציקיאָריקע

זי האָט אריינגעגנומען אירע אַכציק יאָר
אין די קנאָכיקע הענט
און האָט נישט, ווו זיי צו באַהאַלטן.
דאָס ווייב פון יינגסטן זון
האָט שמאָלע אויגן.
און די פרילינגדיקע זון
האָט נישט ליב קיין אַכציקיעריקע
און קנייטשט זיך אויף איר פנים.
זי האָט אַריינגעגנומען אירע אַכציק יאָר
אין די קנאָכיקע הענט,
און האָט נישט, ווו זיי צו באַהאַלטן.

זינד

אַ צלם, אַ נאַקעטער אין מיטן פֿעלד,
האָט אַ שיקסע דאָס פּנים
מיט די הענט פֿאַרשטעלט,
דעם שטערן אַראָפּגעבויגן.
און אירע צעפּ צוויי,
די בלאָנדע, אויפֿגעפֿלאָכטענע,
שטאַרבן ווי טויבן צוויי,
געשאָכטענע
דורך סטאַכס צוויי רויטע הענט.

אַליין

כ׳וויל וווינען אַליין אין אַ שטוב
מיט צוויי פֿליגן,
איין קאַץ
און דריי בלומען.
אין די פֿרימאָרגנס וועלן מיר זיך אויפֿכאַפּן
מיט בלויע אויגן.
אין די פֿרימאָרגנס
וועלן מיר זיך אָנרירן מיט בלויע אויגן.
און אַרויס:
דורכן פֿענסטער, דורך דער טיר
און איינס דורכן קוימען
מיט מיר.
מיטאָג וועלן מיר כלעפּטשען
פֿון איין שיסל זופּ.
און אַז געסט וועלן קומען —
דער רעגן און די שפּין —
וועט די קאַץ דערציילן אַ מעשה
פֿון אַ קאַץ,
וועלן ברינען און ברינען די אויגן
און בלייכן, און זיך לעשן
די הענט.
און אין די אָוונטן,
אין די אויסגעשטערנטע אָוונטן —
גאָט, וואָס וועלן מיר טון
אין די אויסגעשטערנטע אָוונטן?

צום בליק

ס׳פלאַטערן די וועגן
אויפן ווינט.
נאַכט.
ביימער לויפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צום האָריזאָנט.
וועל איך מיך אויך כאַפּן אויף די הענט
און לויפן, לויפן,
דאָרט צום האָריזאָנט
צום בליק.

דער רעגן און דער עפּלבוים

דער רעגן האָט פאַרפירט אַ שמועס
מיטן עפּלבוים
וועגן מיר.
דער רעגן בייזערט זיך,
די בלעטער האָבן זיך איינגעשפּאַרט:
ניין און ניין.
דאָס קרויט, דאָס קרויט
האָט אויך אונטערגעשטעלט אַן אויער.
און איך?
איך קוק דורך אַלע גרינע שויבן
אויף מיינע נאַסע האָר און אויגן,
אויף מיין צעפּאָרענעם קלייד,
דורכגענעצטע שיך
און וויין אַ נאַקעטע פאַרן עפּלבוים.

צו שפּעט

כ׳האָב נישט אויסגעהערט דעם רעגן
ביזן סוף,
כ׳בין איינגעשלאָפן.
און אַז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט
איז שוין געווען
צו שפּעט.
די בענקלעך האָבן זיך געסודעט
מיטן טיש.
דער טיש —
כ׳קאָן שווערן —
ער האָט אַ וואָלקן אויפגעפּרעסן.
ער האָט די ליפּן אָפּגעווישט.
דער אויוון האָט הויך געכליפּעט
פאַר מיין לאַטש.
אין גאָרטן האָבן די בלעטער
אַראָפּגעהאָנגען שווערע קעפּ
אונטער די לעצטע טראָפּנס.
אומזיסט האָב איך זיך געבעטן,
געבעטן ביי דער ווערבע.
זי, די אַלטע באַבעטשינע,
זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ.
אומזיסט געוואָרפן שטיינדעלעך
אין טייך.
— בול — האָט עס געמאַכט —
— בול.
טרויעריק און באָרוועס לויף איך אַרום
אונטערן הימל.
— בול — האָט עס געמאַכט —
— בול.

מערץ

ס׳איז מערץ,
דער אַכט און צוואָנציקסטער.
ס׳איז כמאַרעדיק.
ס׳איז שטיל.
צוויי קאַרשן־ביימלעך
האָבן זיך געפונען אויף אַ וואָגן
און אַרומגענומען.
ווו וועט דער פויער זיי פאַרפלאַנצן
אויף דר׳ערד ?
אין הימל ?
דער וועג צום דאָרף איז בלויער נאָך
פון פויערס אויגן.

פרילינג

רויטע ליפן
אין זיין פאַרחושכ׳טן פנים
האָט אַ בעטלער היינט אַקעגן געטרויגן
דער זון.
פרילינג?
די גראָזן האָבן זיך צעלאַכט
אונטערן שניי,
אין מיין בלוט.
כ׳בין נאָכגעלאָפן דעם בעטלער,
אים אָנגעריירט
ביי אַן אויער,
ביי אַ האַנט.
געוואָלט פון אים אַ שטיקל ברויט,
אַ גלעט.
אַ טרויעריקער האָט ער מיך אָנגעקוקט
און איז אוועק.

פרימאָרגן

כ׳רייס אויס דאָס ווילד־גראָז
אין גאָרטן —
געננוג זון און זאַפט
זאָלן האָבן די קאַרטאָפל.
די זון זעט מיינע הענט,
איז שטיל אין מיר.
און אַלע מיינע שלעכטע רייד
און געננב,
וואָס זענען אַ גאַנצע נאַכט
געלעגן וואַך אין מיינע ברעמען,
ליגן איצט אויסגעריסן
און טויט
אויף דר׳ערד
אין פרימאָרגן.

ביים טייך

גרין איז דער טייך.
און ווּ ענדיקט ער זיך?
מיינע שיך וואַרטן ביים ברעג.
אין אפשר זענען דאָס פייגל?
אין וואַסער פלאַפלען די פיש.
אַ וואָלקן כאכערט אין ווינט.
און אפשר זענען דאָס פייגל?
אין וואַסער פלאַפלען די פיש.
אַ וואָלקן כאכערט אין ווינט.

ווּ איז דאָס שיסעלע מיט מילך?

ווּ איז דאָס שיסעלע מיט מילך?
די קאַץ בלאָנדזשעט פוּן דאַך צוּ דאַך,
די שוואַרצע קאַץ.
איר האַלדז איז ווייס,
און ס׳איז פאַרנאַכט.
דער הימל ווערט טונקל.
די ערד איז שוין שוואַרץ.
דער בוים,
די קראָ,
דער קרוג.
און מיין פנים?
כ׳האָב עס אַריינגענומען אין די הענט.
ווּ איז דאָס שיסעלע מיט מילך?

פאַר די דאַרע הענט

פאַר די דאַרע הענט פון דער אָרימקייט
האָב איך נישט קיין ברויט צו געבן.
פאַר די דאַרע הענט פון דער אָרימקייט
האָב איך אַ זילבערנעם רינג
אין העלע נעכט געשמידט.
און די באָרוועסע פיס אירע,
די רויטע —
וועל איך אָנטון אין בלויע שיך,
פאַרקנעפּלען מיט שטערן ביז אַרויף.
און אַזוי
אויף די וועגן לאָזן.

אָרימע װײַבער

קומען אָרימע װײַבער אין װאַלד אַרײַן
שישקעס קלױבן אין די זעק.
בלײַבן איבער אױפֿן מאָך
װערטער,
װאָס גלאָצן צום הימל
מיט אָפּגרונטן פֿון שװאַרצע טעפּ
און הונגעריקע מײַלער.
אױפֿגעשױבערט בלײַבן שטײן די בײמער,
װי נאַסע הינער,
װען ס׳פֿאַלט אַ קאַלטער, מוטנער רעגן.

קומט אַ בעטלער אָן פֿון וועג

קומט אַ בעטלער אָן פֿון וועג,
קומט ער אָן מיט בלויע אויגן.
פּעטש קרעמער אין די קלייטן
מעסטן לייוונט,
וועגן מעל.
אויפֿן קלויסטער־שפּיץ די קראָ
פרעסט אַ וואָלקן נאָך אַ וואָלקן.
קומט אַ בעטלער אָן פֿון וועג
קומט ער אָן מיט בלויע אויגן.

רעגן

אַ וואָלקן האָט זיך אויסגעצויגן
אויף אַלע פיר
און ווייסט נישט:
אויסדרייען דעם האַלז,
אָדער נישט?
צוויי פרויען זענען איינגעשלאָפן נעבן טיש.
זייערע קעפּ זענען גרוי,
זייערע הענט — געריכצלט.
איך עפן די אַלטע שאַנק
און זוך:
דעם פאַררעגנטן מאַנטל?
דאָס פאַרשנייטע טוך?

מיר פאָרן

די רעדער פון דעם וואָגן
לויפן רונד די לבנה אַרום.
די פוס־טריט פון דעם פערד
מעסטן אויס חלומות
פון צעשראָקענע בעריאָזעס,
וואָס זענען פון ווייכע היימען
אַנטלאָפן
אויף איינזאַמע וועגן.

שטיל.
איינגעשלאָפענע הינט.
פון אויפגעהויבענע זשוראַוון טריפט די שטילקייט
אין טיפע ברונעמער אַראָפּ.
מיר פאָרן.
אויף אַ שוועל פון אַ פארלאָשענעם הייזל
שטייט אַ פרוי
אומבאַוועגלעך — ווייס.
מיר פאָרן.
מיר פירן אַוועק דאָס האַרץ פון דער שטילער פרוי.

לידער פֿון יתומים־הויז

I

די עפּל ליגן שוין אין קעלער.
דער קאַשטאַן־בוים
רוישט און רוישט
מיט די לעצטע בלעטער
צו מיין פענסטער.
דאָס ווייפלטע ווייב האָט שוין טאָבטשעס טאַטע
ערגעץ אין דער וועלט?
טאָבטשעס הענטלעך ווערן אָפּגעפרוירן
פרי
אין סעפּטעמבער.
זי לויפט, לויפט מיט דאַרע פיסעלעך אין שול,
מיט דאַרע פיסלעך לויפט איר נאָך
דער ווינט.
און ס׳רינט איר פון נעזל,
און ס׳רינט.
און פון ציגל זענען די הייזער,
די שויבן — פון גלאָז.
ביימער שטייען האַרט און נאַקעט
אויף די וועגן.
שנייען וועלן קומען,
צודעקן ס׳יתומים הויז,
דעם דאַך, די שוועל.
טירן זענען געוואָרן שמעלער, העכער.
טירן קעגן איבער די פענסטער.
— — — — — — — — — — — —
אין אַ ווייס בעטל שלאָפט טאָבטשע מיט שאָטנס אונטער די אויגן.
נעבן בעטל אירע שיכלעך.
אויפן בענקל איר קליידל,
איר גרוי פאַרפרוירן קליידל.

II

די שטובן זענען פול מיט לבנה.
איך וואַנדער פון שטוב צו שטוב
און מאַך פּאַמעלעך צו די טירן.
די קינדער האָבן מורא,
די קינדער אין יתומים־הויז.
זיי לויפן נאָך מיט קליינע הענטלעך
נאָך מיין קלייד
נאָך מיינע צעפּ.
און איך,
איך וועל עפענען דאָס פענסטער
וועלן נאָכפלאַטערן
קינדערישע קעפּ
און דערנאָך וועט ווידער ווערן
שטיל.

מײַן שװעסטער

מײַן שװעסטער איז צען יאָר עלטער פֿון מיר.
בעטן זיך די גאַרדינען בײַ אירע פֿענסטער
צום װינט:
האָט דער קאַרשנבױם שױן אָפּגעבליט?
מײַן שװעסטער ברענגט פֿון מאַרק אַהײם
פֿיש און פֿלײש,
און זי נעמט אַרױס די אױגן בײַ די פֿיש,
מיט דינע פֿינגער טאַפּט זי דאָס פֿעטע אױפֿן פֿלײש,
מײַן שװעסטער מיט די שאַרפֿע צײן.
נאָר װען הינטער קוימענס, הינטער דעכער
פֿאַרגײט די זון
אױף די װענט,
אױפֿן דיל
אַ פֿרעמדער און גאָלדענער פֿעכער
לײשט זיך, גײט אױס,
דרײט מײַן שװעסטער אױס
דאָס פּנים.
טונקל זענען אירע אױגן, װי ביר.
די רױטע בענדער אין איר טאָכטערס האָר
צעבליען אין פֿאַרנאַכט,
װי װילדע שװאָמען
מוכאָמאָרן —
זי כאַפּט, מײַן שװעסטער כאַפּט
אַ טוך אױף די אַקסלען,
פֿאַרהאַקט דאָס פֿענסטער
און פֿראַלט אױף די טיר.

אָקטאָבער

באַלד וועט עס געשען!
די קאַץ וועט זיך אַרומלייגן
אַרום דעם אַלטן האַלז
פון דער ווערבע
און אויסזויגן דאָס לעצטע ביסל
בלוט.
באַלד וועט עס געשען!
די אויגן פון דער קאַץ
זענען גרין.
און ס׳הענגען נאָך
אַ פּאָר געלע
בלעטער
אויפן בוים.

נאַרציזן וויאַנען

נאַרציזן וויאַנען.
און בעטלער טרעפן זיך אין פרעמדע טירן,
און מעסטן גרויע טאָרבעס אָפּ
מיט אויגן ליידיקע,
ווי אויסגעהוילטע ברויט.
און בעטלער טרעפן זיך אין פרעמדע טירן,
און לאָזן אויף די שוועלן איבער
אביסל גרויען שטויב.
נאַרציזן וויאַנען.
ווּהין גייען פערד
מיט צוגעמאַכטע אויגן?
אַ פרוי, אַ שוואַנגערע גייט פּאַמעלעך דורך די גאַס.
און ס׳לעשט די זון זיך
אויף אַ נישט פאַרענדיקט הויז.
און ס׳לעשט די זון זיך
אויף אַ נישט פאַרענדיקט הויז.
נאַרציזן וויאַנען.
מיינע צעפּ פאַלן שווער אַראָפּ
צו דער ערד.

גרינע לאַטשן

כ׳בין בעגאַנגען אין מאַרק אַריין זיך קויפן
גרינע פרימאָרגן־לאַטשן.
מיינע אויגן האָבן זיך אַ גאַנצן וועג געפרייט.
טראָג איך אַהיים רויטע לאַטשן
דער קרעמער האָט אַזוי געוואָלט,
זיין געלער קרומער צאָן.
איך גלעט מיט אַ פינגער די רויטע לאַטשן
און שמייכל:
צו דער זון,
צו פאַרבייגייער,
צו די לאָמע אויך,
צו די בלינדע אויך.
וואָס איז דען פאַרא אונטערשיד?
כ׳האָב אַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַ ווערבע בלעטל
אויפן טייך,
שווימט עס נאָך אודאי
און ס׳שווימט.
איז וואָס איז פאַרא אונטערשיד?

אין רויטן קלייד

אין מיטן קערן האָב איך אַרויסגעלאָזט דעם בעזים
און געבליבן שטיין אין אַ רויט קלייד.
פייגל פלאַפּלען.
די זון שיינט.
קי רופן זיך איבער
מיטן פייכטן געשריי
פון ערד,
פון מערץ.
ס׳בילן הינט —
הענער קרייען.
אין קלויסטער קלינגט.
— די קאַץ שווייגט.
זי האָט פאַרמאַכט די שמאָלע
גרינע אויגן.
וואָס פאַר אַ קאָליר האָט דאָס געפּלאַפּל פון די פייגל?
דאָס קלייד אויף מיר איז רויט.
דאָס קלייד אויף מיר
פּלאַצט!
וואָס פאַר אַ קאָליר האָט דאָס געפּלאַפּל פון די פייגל?
איך האָב זי די קאַץ
אין מיינע הענט
איך רייס ברייט פאַנאַנדער
אירע אויגן!

אויפֿן לעצטן שטאָק

אויפֿן לעצטן שטאָק
האָב איך געעפֿנט אַ טיר.
ביסטו דאָ,
ביסטו דאָ אין דערהיים
מײַן חברטע?
זי איז דאָ.
זי ליגט שוין אין בעט.
אירע זאַכן ליגן אין די שיך.
זי לייענט אַ בוך.
דער נאַפֿט־לאָמפּ ברענט העל
אויף דער שטול.
„איך בין מיד“
זאָג איך שטיל בײַ דער טיר.
„קום, טו זיך אויס,
דו וועסט הײַנט שלאָפֿן מיט מיר“.
זי ציט אויס אַ נאַקעטע האַנט
און איך שלאָף אײַן
מיט מײַן קילער באַק
אויף איר אַקסל.
ס׳חלומט זיך מיר:
אויפֿן לעצטן שטאָק האָב איך
געעפֿנט די טיר!
ביזטו דאָ,
ביזטו דאָ אין דער היים,
מײַן חברטע?
זי איז דאָ.
זי ליגט שוין אין בעט.
אירע זאַכן ליגן אין די שיך,
זי לייענט אַ בוך.

דער נאַפט־לאָמפּ ברענט העל
אויף דער שטול.
„איך בין מיד"
זאָג איך שטיל ביי דער טיר.
„קום, טו זיך אויס
וועסט היינט שלאָפן מיט מיר".
זי ציט אויס אַ נאַקעטע האַנט
און איך שלאָף איין
מיט מיין קילער באַק
אויף איר אַקסל.

הילע און אויסשטאַטונג:
יאַנקל אַדלער